# הרבנית פעשע סאָלאָווייטשיק איז נעכטען נפטר געוואָרען

**לויה היינט, 11:30 פרי פון ישיבה אוניווערזיטעט.**

נעכטען אינדערפרי איז נפטר געוואָרען הרבנית פעשע סאָלאָווייטשיק, די מוטער פון באַוואוסטען גאון און ראש ישיבה הרב ר׳ יוסף דוב הלוי סאָלאָווייטשיק. די רביצין וועלכע איז געווען דער שטאָלץ פון דער רבנ׳ישער סאָלאָווייטשיק משפחה איז נפטר געוואָרען אין באָסטאָן וואו עס וואוינען איר עלטסטער זון און צוויי טעכטער.

די לויה פון רביצין סאָלאָווייטשיק וועט פאָרקומען היינט, דינסטאָג, 11:30 פאַרמיטאָג, פון ישיבת רבנו יצחק אלחנן, אַמסטערדאַם עוו. און 186טע גאַס, ניו יאָרק.

די פאַרשטאָרבענע איז געווען באַקאַנט אַלס אַ גרויסע מלומדת און האָט געהאַט אַ גרויסע השפעה אויף אירע קינדער און אייניקלעך, וועלכע זיינען אַלע גרויסע תלמידי חכמים. זי איז געווען די פרוי פון הרב ר׳ משה סאָלאָווייטשיק זצ״ל און איז צוזאַמען מיט איר מאַן געקומען קיין אַמעריקע אין יאָר 1930 אויף דער איינלאַדונג פון ישיבת רבנו יצחק אלחנן. איר מאַן איז נפטר געוואָרען אין יאָר 1941 (ב׳ שבט תש״א).

די נפטרת איז געווען די טאָכטער פון גרויסען גאון און מחבר פון פילע ספרים, ר׳ אליהו פרוזשינער. זינט איר חתונה מיט ר׳ משה׳ן, זון פון ר׳ חיים בריסקער,

(שלוס אויף זייט 2 — קאָלום 3)

דינסטאָג, יאַנואַר 3, 1967

# הרבנית פעשע סאָלאָווייטשיק

(שלוס פון דער ערשטער זייט)

איז זי געשטאַנען ביי דער רעכטער זייט פון איר גרויסען מאַן און אים דערמוטיגט אין זיין הרבצת תורה אַרבעט, פריער אַלס רב אין ראַסיין און האַסלאָוויטש און שפּעטער אַלס ראש ישיבה דאָ אין ניו יאָרק.

אויסער איר עלטסטען זון, הרב ר׳ יוסף דוב סאָלאָווייטשיק, האָט די נפטרת אויך איבערגעלאָזט נאָך צוויי זין און צוויי טעכטער, אייניקלעך און אור־אייניקלעך. די זין זיינען: דר. שמואל סאָלאָווייטשיק, אַסאָשיאייט־פּראָפעסאָר פון כעמיע אין ישיבה אוניווערזיטעט, און הרב אהרן סאָלאָווייטשיק, הויפּט־ראש ישיבה פון בית מדרש לתורה אין שיקאַגאָ. די טעכטער זיינען: מרס. שולמית מייזעלמאַן און מרס. חנה גערבער,ביידע פון באָסטאָן.